**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/22/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול גיבט ארויס געטוישטע קאוויד-19 אנווייזונגען פאר סקולס

### *סטעיט העלט דעפארטמענט גיבט ארויס נייע אנווייזונגען פאר K-12 סקולס*

### *קווארנטין מער נישט פארלאנגט פאר סקול קינדער אויסגעשטעלט צו קאוויד-19*

### *געטוישטע אנווייזונגען און ענטפערס אויף אפט-געפרעגטע פראגן זענען פארענפטליכט [דא](#)*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט גענדערטע קאוויד-19 אנווייזונגען וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט די נייע CDC רעקאמענדאציעס אזוי ווי קינדער, לערער/ינס און סקול איינגעשטעלטע ארום די סטעיט גרייטן זיך צוריקצוגיין אין סקול אין די קומענדיגע וואכן. ניו יארק סטעיט פרישט אויף איר אנטווארט מיט פארמערטע צוטריט צו קאוויד-19 אינפארמאציע, וואקסינאציע, טעסטינג און באהאנדלונג צו פארזיכערן אז אלע סקול קינדער, לערער/ינס און סקול איינגעשטעלטע קענען זיך זיכערערהייט צוריקקערן צו די קלאסצימער קומענדיגע חודש. לייענט די געענדערטע אנווייזונגען און ענטפערס אויף אפט-געפרעגטע פראגן [דא](#).

"זינט די ערשטע אומזיכערע טעג פון די פאנדעמיע, האבן ניו יארקע סקולס, לערער/ינס און עלטערן זיך אוועקגעשטעלט צו זיכער מאכן אז די לערנען גייט אן און אז די קינדער קענען זיך זיכערערהייט צוריקקערן צו די קלאסצימער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היינט מאכן מיר זיכער אז סטעיט און פעדעראלע אנווייזונגען זענען אין איינקלאנג אזוי אז סקול קינדער און מחנכים/ות זאלן קענען אריינגיין אין קלאסצימער מיט זיכערהייט און האבן א זיכערע און געזונטע סקול יאר. מיר ברענגען די אינפארמאציע פאר עלטערן און צו סקולס, און מיר מאכן זיכער אז אונזערע קינדער זענען וואו זיי דארפן זיין דעם הערבסט. מיר ווייסן אז עס איז נישטא קיין ערזאץ צום לערנען זיצנדיג אין א קלאסצימער, און מיר גייען זיכער מאכן אז היי יאר איז גאר אן אנדערע יאר."

ניו יארק האט געמאכט באדייטנדע פארשריט אין דעם קאמף קעגן קאוויד-19. עס איז דורך די אנגייענדע באמיאונגען וואס סקולס קענען צושטעלן א זיכערע אטמאספערע וואו צו לערנען, מער צוטריט צו קאוויד-19 טעסטינג און זיכער מאכן אז איינגעשטעלטע, סקול קינדער און זייערע פאמיליעס האבן צוטריט צו די מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען בלייבן אין סקול זיכערערהייט.

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** "א דאנק די הערואישע ארבעט פון אונזערע מחנכים און מחנכות, האבן קינדער ארום ניו יארק זיך געקענט צוריקקערן זיכערערהייט צו זייער קלאסצימער. די נייע אנווייזונגען וועלן גיבן סקולס און דיסטריקטס מער בויגזאמקייט צו קענען פארזעצן צו צושטעלן קלאסן פנים אל פנים אזוי ווי מיר גייען אריין אין דעם נייעם סקול יאר. איך באדאנק די גאווערנער פאר איר פירערשפאט אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען צו האלטן אונזערע קלאסצימערן פארזיכערט."

## קאוויד סכנה פארמינערונג סטראטעגיעס פאר דעם 2022-2023 שולע יאר

### קוואראנטין

- די CDC רעקאמענדירט מער נישט קוואראנטין, נאר אין פלעצער וואו מענטשן קומען זיך צוזאם און די סכנה איז גרויס.
  - די CDC רעקאמענדירט אז אלע מענטשן וועלכע זענען זיכער אדער מעגליך געווען אויסגעשטעלט צו קאוויד-19, אפגעזעהן פון וואקסינאציע סטאטוס אדער היסטאריע פון פאריגע קאוויד-19 אינפעקציעס, זאלן אויספאלגן די יעצטיגע CDC רעקאמענדאציעס פאר מענטשן וועלכע ווערן אויסגעשטעלט וואס רעכענען אריין טראגן א גוט-צוגעדרוקטע מאסקע אדער רעספירעיטאר פאר א פולע 10 טעג און זיך צו טעסטן צום ווייניגסטנס 5 טעג נאכן קומען אין נאענטע בארירונג, אדער שנעלער פון דעם, אויב סימפטאמען קומען ארויס.

### בלייבן אינדערהיים ביים זיין קראנק אדער האבן סימפטאמען

- די CDC זעצט פאר צו רעקאמענדירן אז מענטשן זאלן בלייבן אינדערהיים ווען זיי פילן זיך נישט גוט. סיי וועלכע סקול קינד אדער איינגעשטעלטער וואס האט סימפטאמען פון אן אטעמען אדער מאגן/קישקעס אינפעקציע, ווי צום ביישפיל א הוסט, פיבער, האלז ווייטאג, ברעכן אדער א לויזע מאגן, זאלן בלייבן אינדערהיים.
- טעסטינג איז רעקאמענדירט פאר מענטשן מיט סימפטאמען פון קאוויד-19 ווי שנעלער מעגליך נאך סימפטאמען הויבן זיך אן. די וועלכע האבן גרויסע אויסזיכטן צו שווער קראנק ווערן פון קאוויד-19 און טעסטן פאזיטיוו זאלן זיך באלד איבעררעדן מיט א העלטקעיר פראפעסיאנאל איבער מעגליכע באהאנדלונגען, אפילו אויב זייערע סימפטאמען זענען מילד.
  - אויב א מענטש טעסט פאזיטיוו פאר קאוויד-19 און האט נישט א רעגלמעסיגע דאקטאר, קענען זיי ווערן באטראכט פאר באהאנדלונג דורכן רופן 888-1-TREAT-NY אדער באזוכן די ניו יארק סטעיט קאוויד-19 ExpressCare צוטריט צו באהאנדלונג וועבזייטל.

- מענשטן וועלכע האבן סימפטאמען אוןווארטן פאר זייערע קאוויד-19 טעסט רעזולטאטן אדער האבן געטעסט פאזיטיוו פאר קאוויד-19 זאלן אויספאלגן די CDC'ס אייסאלעישען אנווייזונגען.

### אייסאלעישען

- מענטשן וועלכע האבן געטעסט פאזיטיוו אדער ווארטן פאר זייערע קאוויד-19 טעסט רעזולטאטן זאלן בלייבן אינדערהיים און אויספאלגן די CDC'ס אייסאלעישען אנווייזונגען.
  אייסאלעישען קען זיך ענדיגן לויט ווי ערנסט איינעמ'ס קאוויד-19 סימפטאמען זענען געווען.
  -אויב איינער האט בכלל נישט געהאט קיינע סימפטאמען קען אייסאלעישען זיך ענדיגן נאך דעם פינפטן טאג.
  -אויב איינער האט געהאט סימפטאמען, קען אייסאלעישען זיך ענדיגן נאך דעם פינפטן טאג אויב זיי זענען אן קיין פיבער פאר 24 שעה (אן זיך באנוצן מיט פיבער-פארגרינגערנדע מעדיצינען) און די סימפטאמען פארבעסערן זיך.

-מענטשן זאלן טראגן א מאסקע פאר 10 טעג נאכן ענדיגן אייסאלעישען ווען זיי פילן בעסער (אן קיין פיבער אן זיך באנוצן מיט פיבער-פארגרינגערנדע מעדיצינען און סימפטאמען וועלכע פארבעסערן זיך).
-אנטידזשען טעסטינג פעהלט נישט אויס צו ארויסגיין פון אייסאלעישען; אבער טייל סקולס קענען איינפירן די "טעסט-באזירטע סטראטעגיע" צו מעגליך פארקורצערן די צייט ווי לאנג מען דארף טראגן א מאסקע נאכן זיין אין אייסאלעישען.

דאס בויט אויף ניו יארק'ס שטאנדהאפטיגע, פילפאכיגע צוגאנג צו האנדלען מיט און פארמינערן קאוויד-19. לעצטע וואך האט גאווערנער האקול אנאנסירט די צוריק-עפענונג פון די #Vaxtoschool קאוויד-19 וואקסין באמיאונג, אריינרעכענענדיג מער פון דרייסיג צייטווייליגע 'פּאַפּ-אָפּ' וואקסינאציע פלעצער איבערן סטעיט אין די קומענדיגע וואכן, מיט נאך מער ווערנדיג צוגעלייגט אין די נאענטע צוקונפט.

אין מערץ האט די גאווערנער אוועקגענומען די סטעיט מאסקע פאדערונג אין סקולס. די באשלוס איז געמאכט געווארן באזירט אויף די נייגונג פון די עיקר קאוויד-19 ציפערן וועלכע האבן ארויסגעוויזן ניו יארק'ס באדייטנדע פארשריט מיט וואקסינאציעס און א פאלנדע צאל פון פעלער.

אזוי ווי ניו יארקער גייען אריין אין דעם הערבסט סעזאן, וועלן די סטעיט און העלט דעפּארטמענטס פארזעצן צו גיבן פאר עלטערן און גאַרדיענס די קריטישע מיטלען, צוזאמען מיט אנגייענדע שטאנדהאפטיגע טעסטינג און וואקסינאציע מיטלען.

זיך האלטן צייטליך מיט קאוויד-19 וואקסינאציעס איז ווייטער א הויפט פובליק געזונטהייט סטראטעגיע צו פארמיידן ערנסטע קראנקייט. יעדער איינער פון 6 חודשים און עלטער איז יעצט בארעכטיגט פאר קאוויד-19 וואקסינאציע.

אלע סקול קינדער וועלכע זענען 5 יאר אדער עלטער זענען יעצט בארעכטיגט פאר א בוסטער. דאס רעכנט אריין מענטשן וועלכע זענען פולשטענדיג וואקסינירט געווארן און האבן נישט באקומען נאך א וואקסינאציע דעם יאר. סקולס ווערן ערמוטיגט צו פארזעצן צו שטופן פאר קאוויד-19 וואקסינאציע אין זייער קאמיוניטי.

עלטערן און גאַרדיענס קענען באקומען מער אינפארמאציע איבער דעם קאוויד-19 וואקסין דורכן באזוכן אונזער אפט-געפרעגטע פראגן בלאט.

אין צוגאב צו וואקסינאציע אלץ די בעסטע מיטל, גיבט טעסטינג א געלעגנהייט צו פארבינדן מענטשן וועלכע טעסטן פאזיטיוו און זענען בארעכטיגט דערפאר — צו באקומען באהאנדלונג. דאס ערלויבט סקולס צו פארקלענערן פארשפרייטונג פון קאוויד-19 אין די קאמיוניטי. די מיטלען זענען ווייטער דא צו באקומען פאר סקולס צו שטיצן טעסטינג פון די מענטשן וועלכע קומען אריין אין די סקול.

אויספאלגן די אנווייזונגען וועט העלפן סקולס צו ארבעטן צוזאמען מיט לאקאלע העלט דעפּארטמענטס צו שטיצן זיכערע, פנים-אל-פנים לערנען בשעת'ן גיבן מער בויגזאמקייט צו נאכקומען לאקאלע קאמיוניטי באדערפענישן אזוי ווי קאוויד-19 קאמיוניטי שטאפלען טוישן זיך.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418